© 2004 אֳמָנִים

לְמַעַן יִשְׂרָאֵל

# פרק ג

**|1| אייך נארישע גאלאטיים, ווער
האט אייך פארכישופט? פאר אייער
אויגן איז יהושע (ישוע)
פארגעשטעלט געווארן אלס משיח
[בן דוד] און זיין לייב אויפן בוים
[שמואל ב 18:9,14; ישעיה 53:5]!**

|2| איך וויל אייך פרעגן א קשה: האט איר באקומען דעם רוח הקודש דורך מקיים זיין די מצוות התורה אדער דורך אמונה אין דאס וואס איר האט געהערט [ד"ה, בשורת הגאולה] און זייט געווען געטריי דערצו?

|3| זייט איר אזוי נאריש!
אוהויבענדיק מיט דעם כח פונם רוח הקודש, האלט איר איצט אז מיר קענען אנקומען צום ציל דורך אייגענע כוחות [ד"ה, לויט דעם שטייגער פון מענטשן וואס האבן ניט דעם גייסט]?

|4| האט איר געליטן אזוי פיל שוין

אומזיסט?

אויב איר טראכט טאקע אזוי, אייער ליידן איז דעמאלסט  אומזיסט.

|5| ה' דער וואס לערנט אייך אויס וועגן דעם רוח הקודש און טוט צווישן אייך ניסים, האם טוט ער דאס צוליב אייערע מעשים טובים אדער דורך אמונה.

|6|  פונקט אזוי ווי אברהם אבינו האט אמונה געהאט און עס איז גערעכנט געווארן אלס גערעכטיקייט [בראשית 15:6].

|7|  זייט איבערגעצייגט אז נאר די וואס לעבן מיט אמונה און בטחון

זיינען אמתע קינדער פון אברהם.

|8| דער תנ"ך ,זעענדיק אז ה' וועט גערעכטפארטיקן די גוים דורך אמונה, האט די בשורת הגאולה זאגענדיק געזאגט צו אברהם

"אין דיר וועלן אלע פעלקער געבענטשט ווערן" [בראשית 18:18].

|9| אזוי ווי די וואס האבן אמונה און בטחון זיינען געבענטשט צוזאמען מיט אברהם ווער האט געהאט אמונה און בטחון.

|10| ווייל  דער וואס פאלאזט נאר אויף מצוות התורה  לעבט אונטער א קללה אזוי ווי עס שטייט

"פארשאלטן איז יעדער וועלכער פארבלייבט נישט אין אלעם וואס עס שטייט אין די ספר תורה צו טון" [דברים 27:26].

|11| יעצט עס איז קלאר אז קיינער קען נישט רעכטפערטיק זיין פאר ה' דורך מקיים זיין די תורה אליין אליין מבאלט:"דער צדיק וועט דורך אמונה לעבן" [חבקוק 2:4].

|12| די מצוות התורה אבער זיינען נישט פון אמונה נאר ווער איז זיי מקיים וועט לעבן דורך זיי [ויקרא 18:5].

|13| דער רבי המלך המשיח [ד"ה,

אונדזער אויסלייזער, דער מענטש יעשה אותם וחי, ויקרא 18:5] האט אונדז אויסגעלייזט פון דער קללה [דברים 27:26] וואס תורה שטייט אין

ווערענדיק א קללה פאר אונדז ווייל די תורה זאגט "פארשאלטן איז יעדער איינער ווער הענגט אויף א בּוים" [דברים 21:23].

|14| [משיח האט דאס געטון] כדי די בּרכה פון אברהמען זאל קומען צו די אומות-העולם אין רבי המלך המשיח יהושע; כדי מיר זאלן באקומען די הבטחה פון דעם גייסט פון ה', דעם רוּח הקודש, דורך דער אמונה.

|15| אחים במשיח, איך רעד אן אנאלאגיע, ווי א מענטש איך געב אייך א ביישפיל פון לעבן: ווען איינער שווערט א שבועה קען קיינער עס נישט מבטל אדער עפעס לייגן דערצו.

|16| יעצט די הבטחות זיינען געגעבן געווארן צו אברהם און זיין זאמען. עס שטייט נישט "און צו זאמענס" כאילו צו מער ווי איינער: להיפך, עס שטייט איין ,"און צו דיין זאמען" --און דער איינער (זאמען) איז משיח.

|17| אט דאס מיין איך, אז די מצוות פון די תורה, וואס איז געגעבן געווארן

פיר הונדערט און דרייסיק יאר

שפעטער, קען נישט מבטל מאכן די שבועה [ד"ה, בּוּנד (בּרית), בּראשית 15:6 א"א] פון ה' כדי מבטל זיין די הבטחה.

|18| ווען די ירושה  קומט דורך  די מעשים פון תורה, עס קומט מער נישט דורכן הבטחה. אבער ה' האט עס געגעבן צו אברהם דורך אן הבטחה.

|19|  אויב אזוי פארוואס איז דא די תורה?  עס איז צוגעלייגט געווארן צוליב די זינד ביז דער זאמען וועט אנקומען אויף וועמען די הבטחה איז געמאכט געווארן.  נאך מער עס איז

געגעבן געווארן דורך מאלכים אין דער האנט פון א פארמיטלער (מְתַוֵּךְ, סרסור, דברים 5:5).

|20| א פארמיטלער אבער איז פאר מער ווי איינער, אבער ה' איז איינס.

|21| מיינט דאס דעריבער אז די מצוות התורה שטייען אנטקעגן די הבטחות פון ה'? חלילה! ווען די מעשי התורה וואס ה' האט געגעבן וואלטן געהאט כח צו שענקן לעבן, דעמאלט וואלט רעכטפערטיקייט וואלט געקומען דורך  מקיים זיין די תורה בּכל חֹמֶר הַדִּין.

|22| אבער דער פסוק האט אלעמען

פארשלאסן  אונטער זינד, כדי די הבטחות זאלן געגעבן ווערן דורך אמונה אין רבי מלך המשיח יהושע צו די וואס גלויבן.

|23| פריער פאר די אמונה איז געקומען זיינען, מיר געווען אונטער דעם שוֹץ התורה איינגעשלאסן פאר די אמונה וואס איז שפעטער אנטפלעקט געווארן.

|24| די תורה איז געווען אונדזגר שומר ביז משיח איז אנגעקומען כדי מיר זאלן הייסן רעכטפערטיק דורך אמונה.

|25| אבער יעצט אז איז געקומען די

אמונה זיינען מיר מער נישט אונטער
אט שומר.

|26| ווייל דורך התקשרות מיטן רבי
מלך המשיח יהושע  דורך אמונה, זייט
איר אלע קינדער פון ה'.

|27| ווארום איר אלע ווער זיינען
געטובלט געווארן צום רבי מלך
המשיח ,האבן זיך אנגעטאן (מתלבש

געווען) מיט רבי מלך המשיחן.

|28| און עס איז נישט מער קיין ייד
אדער גוי, קנעכט אדער פרייער, זכר
אדער נקבה, ווארום אין רבי מלך
המשיח יהושע זיינען אלע איינס.

|29| און אויב איר באלאנגט צו רבי מלך המשיחן, זייט איר זרע (זאמען) פון אברהם און יורשים לויטן הבטחה.